גליון עז

פרשת אחרי תשפ"ד בלתי מוגה

# צום פינטל

משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### שני סוגי עריות

**◆ צו נאנט אדער צו ווייט**

ס'איז דא א קדמונ'ישע חקירה, צו 'אהבה' איז שטערקער 'בדומה' אדער 'בשונה', ווען צוויי זאכן זענען די זעלבע, דאס ברענגט ארויס די אהבה, אדער דוקא ווען זיי זענען 'בשונה'. לאמיר זען א רמז אויף דעם אין אונזער פרשה, די פרשה פון עריות, אז די שלמות איז דוקא אינדערמיט, אביסל בדומה און אביסל בשונה, און פון דארטן וועט מען זיך אויסברייטערן צו 'שידוכין', און צו 'עזר כנגדו'.

דער רמב"ם (שגגות פרק א) רעכענט אויס דריי און צוואנציג עריות, אנדערע רעכענען צוויי און צוואנציג עריות (כמנין ב"ך), אין תיקוני זוהר איז דא א חשבון פון איין און צוואנציג עריות ('חמש עשרה' דמתניתין יבמות ב ע"א, ועוד 'ששה' ביבמות יג ע"א), **דער גר"א צוטיילט עס אויף אכצען עריות, מיט נאך פיר אנדערע עריות,** אשת איש נדה זכר ובהמה (באור הגר"א על אה"ע סימן טו סק"א "מהן מן התורה. והן י"ח עריות שבתורה, לבד מנדה ואשת איש וזכר ובהמה וכו').

מ'זעט פון די גר"א אז ס'איז דא צוויי סארטן 'עריות', די אכצן 'עריות' זענען אסור אלץ 'קירבה', און נאכדעם איז דא נאך פיר 'עריות' וואס האט גארנישט מיט 'קירבה', וואס דאס איז אשת איש נדה זכר ובהמה. מ'דארף פארשטיין וואס איז די יסוד פון די צוויי סארטן עריות, וואס זענען די עריות מחמת קירבה, און וואס זענען די אנדערע פיר עריות.

ווי ס'קוקט אויס איז די איסור 'עריות' מחמת קירבה, ווייל ס'איז צו נאנט, און די אנדערע 'עריות' איז אסור ווייל ס'איז צו ווייט, נשואין על פי תורה איז נאר אינדערמיט, נישט צו נאנט און נישט צו ווייט, אביסל 'בדומה' און אביסל 'בשונה'. עריות פון קרובים זענען צו נאנט, צו ענדליך, וואס דאס טויג נישט, און אזוי אויך צו אנדערשט איינער פון די אנדערע, דאס טויג ווידער נישט, ס'דארף זיין אינדערמיט.

> **פאר די געשפעטן זעלבסט איז נישט גוט קיין 'קאמפעטישן', די געשעפטן דארפן ארבעטן אסאך שווערער צו קענען איבער קומען איינער דעם צווייטן, יעדער זאל קענען ארויסברענגען זיין מיוחד'דיג'קייט. אבער פאר די 'קאסטעמערס' איז 'קאמפעטישן' א מעלה**

טאטע מאמע ברידער שוועסטער מומעס וכדומה, אייגענע בלוט קרובים, אדער קרובים דורך די ווייב, זענען אסור ווייל זיי זענען צו נאנט, און די אנדערע פיר עריות, זענען אסור ווייל זיי זענען צו ווייט, זיי זענען 'אינטערוועלט' זאכן, זאכן וואס דער מענטשהייט קען נישט דילטען, די מענטשהייט קען זיך נישט מתחבר זיין מיט זיי, זאכן וואס אפילו א גוי פארשטייט די גנות פון דעם, די אונטערוועלטניק'קייט וואס ליגט אין די פיר זאכן.

די י"ח עריות איז דא מחלוקת'ן אין גמרא (סנהדרין) צו ס'איז אסור פאר 'בני נח', אבער 'אשת איש זכר ובהמה' איז 'לכולי עלמא' אסור אויך פאר 'בני נח', ווייל די דאזיגע זענען 'אינטערוועלטניקעס', וואס אפילו א גוי דארף פארשטיין. די יסוד פון אלע זאכן וואס זענען אסור פאר 'בני נח', איז זאכן וואס הוטן אפ די קיום העולם, זאכן וואס הוטן אפ אז די וועלט פון צו זיין א אונטערוועלט. וועגן דעם איז די דריי - אשת איש זכר ובהמה - זוכער אסור פאר 'בני נח' 'לכולי עלמא'.

'אשת איש' איז אויך אז זאך וואס אפילו גוים דארפן דאס צו פארשטייען פאר א דבר פשוט, בפרט אז 'אשת איש' איז ווי 'הקדש' כלפי אנדערע, 'אסור אכולי עלמא כהקדש', זי איז אפגעזונדערט פון פרעמדע, זי איז אפגעזונדערט פון די גאנצע וועלט, וואס דאס מיינט אז ס'איז זייער ווייט פאר א פרעמדער מאן זיך מחבר צו זיין מיט א 'אשת איש', זי איז ווייט פון יעדן איינעם.

[ונתבאר כאן טעם חדש לאיסור עריות, ויש לציין לטעם המורה חלק ג פרק מט, דטעם איסור עריות היא כדי למעט במשג', כי האדם גס בקרוביו וכו'. נאך איז כדאי אנצומערן אז די איסור 'שניות לעריות' איז נאר דא ביי די 'עריות' וואס זענען אסור מחמת קירבה, דארטן האבן די חכמים מוסיף געווען א דרגא פון 'שניות', דארטן האבן די חכמים צוגעלייגט נאך א דרגא אפגעריקט, נאך א דרגא וואס זאל זיין אין כלל פון צו-נאנט].

**◆ ענבי הגפן בענבי הגפן**

ווען ס'קומט צו שידוכין און מ'האט די שאלה צו מ'זאל טון א 'שידוך' בדומה אדער בשונה, איז דאס בעצם נישט קיין שום שאלה, יעדער פארשטייט אז די הרגשים ווילען טון א 'שידוך' בדומה, אדרבא ווי מער 'דומה בדומה', ווי מער 'ענבי הגפן בענבי הגפן', ווי מער סזאל

המשך בעמוד הבא

זיין גוט צוגעפאסט איינער צום צווייטן איז בעסער.

אבער למעשה איז דא אין דעם א חסרון, ווען מ'איז צו ענדליך איינער צום צווייטן, מיינט דאס אז קיינער איז נישט געגנוג 'ניכר' פאר א מציאות פאר זיך. מ'מיינט אז ס'איז גרינגער צו לעבן מיט איינעם וואס מ'איז גלייך מיט אים, 'דומה בדומה', אבער באמת קען עס זיין אסאך שווערער, ווייל מ'פילט נישט גענוג די אייגענע מציאות קעגען דעם אנדערן, מ'איז צו ענדליך צו יענעם.

וואס דאס איז אויך דא ביי די קינדער, אויב די טאטע מאמע זענען 'דומה בדומה', זיי ענדלען שטארק איינער צום צווייטן, מיינט דאס אז די קינדער גייען זיין אלע בערך די זעלבע נאטור, אלע וועלן לויפן אויף בערך די זעלבע געדאנקן גאנג, וואס דאס קען מאכן היפש שווער אז יעדעס קינד זאל זיין ניכר פאר א מציאות פאר זיך. ממילא איז צומאל א מעלה דוקא 'בשונה', אזוי קומט ארויס יעדעס קינד מיט זיין אייגען ארטיגע מעלה.

איז פארשטייט זיך אז די בעסטע איז אינדערמיט, נישט צו ענדליך און נישט צו אנדערשט, ס'זאל האבן די מעלות פון 'בדומה' און די מעלות פון 'בשונה'. ענדליך צו די ענין וואס מ'האט געזען ביי 'עריות', אז צו נאנט איז נישט גוט, און צו ווייט איז ווידער נישט גוט, ס'דארף זיין אינדערמיט.

### קאמפעטישן ברענגט ביזנעס

אין ביזנעס ווייסט מען אז **'קאמפעטישן ברענגט ביזנעס'**, פאר די געשעפטן זעלבסט איז נישט גוט קיין 'קאמפעטישן', די געשעפטן דארפן ארבעטן אסאך שווערער צו קענען איבער קומען איינער דעם צווייטן, יעדער זאל קענען ארויסברענגען זיין מיוחד'דיג'קייט. אבער פאר די 'קאסטעמערס' איז 'קאמפעטישן' א מעלה, יעדער דארף שטערקער ארבעטן ארויסצוברענגען זיינע מעלות, און די 'קאסטעמערס' באקומען מער 'וועליא' און מער שוויות'דיגע סחורה.

ענדליך צו דעם קען זיין א מעלה אויך ביי א שידוך, ווען די חתן כלה זענען אביסל אנדערשט איינער פונעם צווייטן, מיינט דאס אז ס'וועט זיין א שטערקערע 'קאמפעטישן' צווישן זיי, וואס דאס קען העלפן אז יעדער זאל אריינלייגן מער כוחות אין די שטוב. פאר זיי אליינס קען זיין איז דאס נישט קיין מעלה, יעדער דארף ארבעטן אסאך שווערער איבער צו ווייזן זיינע כוחות, אבער פאר די שטוב און פאר די קינדער קען דאס זיין א מעלה, אזוי פראבירט יעדער ארויס צו ברענגען די שטערקסטע זיינע כוחות אין די שטוב און אין די קינדער.

יעדער ווייסט וועגען די 'דור ישרים טעסט', די 'דור ישרים טעסט' ארבעט אז זיי זוכען דוקא די 'בשונה', דאס וואס זיי זענען אנדערשט איינער פונעם צווייטן, דאס איז א מעלה. ווייל טאמער זיי זענען צו שטארק 'בדומה' איינער צום אנדערען, מיינט דאס אז די שוואכקייטן זייערע קענען זיך טאפלען און ארויסקומען צוזאמען אין די קינדער, וועגען דעם איז א מעלה דוקא די 'בשונה', דאס וואס יעדער איינער איז אנדערשט פונעם צווייטן, און יעדער קען פארדעקן דעם צווייטנס שוואכקייטן, און יעדער קען געבן זיינע גוטע חלקים, אז ס'זאל ארויס קומען גוטע סחורה.

וואס דאס זאגט אונז נאכאמאל, אז אפילו אויב פאר די טאטע און מאמע זעלבסט איז בעסער 'בדומה', ס'איז אפשר בעסער ווען זיי זענען 'דומה בדומה', אבער פאר די קינדער איז לכאורה בעסער אז די טאטע און מאמע זענען 'בשונה'.

### עזר כנגדו

די תורה זאגט אין פרשת בראשית 'אעשה לו עזר כנגדו', מתחלה זענען אדם וחוה געווען איינס, שפעטער האט דער אייבישטער זיי צוטיילט, אז 'חוה' זאל זיין פון אינדרויסן אנטקעגען 'אדם', איינער פון אינדרויסן וואס העלפט אים.

מתחלה ווען 'חוה' האט געהאלפן 'אדם הראשון' איז עס געווען ווי א מענטש באדינט זיך אליינס, ס'האט נישט געקענט ווערן אנגערופן 'געהאלפן', ס'האט געהייסן ווי 'חוה' מאכט און טוט פאר זיך אליינס, אזוי ווי איינס זענען זיי דעמאלטס געווען, אבער שפעטער איז 'חוה' געווארן אפגעטיילט, דער אייבישטער האט איר געשטעלט ווי א 'עזר כנגדו', זי זאל שטיין פון אינדרויסן און 'כנגדו', ווי איינער וואס איז אפגעטיילט און פון דארט קומט ער העלפן.

די חתן וכלה זענען איין נשמה אויבן אין הימל, מ'שיקט זיי אראפ די למטה צוטיילטערהייט, די תכלית איז זיי זאלן זיין צוויי עקסטערע מענטשן, אבער וואס העלפן זיך איינער די אנדערע, דער מאן זאל צושטעלן זיינע חיובים פון 'איזון ואפלה וכו'', און די פרוי זאל צושטעלן אירס, זי זאל אים שטיין צו די רעכטע האנט אים צו העלפן. וואס דאס איז דוקא ווען זיי זענען צוטיילט, נאר ווען זיי זענען צוטיילט פאסט צו זאגן אז מ'העלפט זיך איינער דעם צווייטן (בגמרא 'אדם מביא חיטים מן השדה וכו', נמצאת מאירת לו את עיניו וכו'').

פון איין זייט זענען די מאן און פרוי איין נשמה, זיי האבן ענדליכע 'רצונות' און אביסל א ענדליכע געדאנקן גאנג, אבער פון די אנדערע זייט זענען זיי ממש פארקערט, דער 'מאן' איז א מאן, און די פרוי איז א 'פרוי', אבער דייקא דאס איז די שלמות, אז צוויי פארקערטע כוחות קומען זיך צוזאם, פון איין זייט זענען זיי צוויי חלקים פון איין זאך, זיי זענען 'בדומה' איינער צום צווייטן, און פון די אנדערע זייט זענען זיי 'בשונה', זיי זענען צוטיילט אויף צוויי אנדערע חלקים, מיט דיביידע זאכן צוזאמען זענען זיי זיך משלים איינער די אנדערע.

[בשלה"ק פרשת ויקרא דלמעלה במרכבה עליונה הפרצופים הם אח ואחות בחי' של עריות דמחמת קירבה, והתכלית שירדו למטה בנפרדים, בשונה זה מזה, ומשם להתאחד ביחד. ועי' גם מלבי"ם ויקרא יח ב בשם המקובלים דעריות שלמעלה הקרובים מתדבקים, ולכן נשא יעקב שתי אחיות וכו'. אבל מאידך גם רחוקים מאוד כ'אשת איש זכר ובהמה', גם כן אינו טוב, דהם נפרדים ביותר, דהם בחי' הסטרא אחרא, והבן].

המשך בעמוד האחרון

## סעודות בעל שם טוב

אחרון של פסח פירט מען זיך ביי חסידים צו עסן די 'סעודות בעל שם טוב', ס'איז דא וואס עסן די סעודה פארנאכטס, און ס'איז דא וואס עסן די סעודה מוצאי יום טוב שפעט ביי דער נאכט.

שטייט אין נתיבות קודש (סקווירא) אז די שמחה איז נישט דוקא אויף די הצלה, אויף דעם וואס דער בעל שם טוב איז ניצל געווארן, נאר בעיקר אז דער בעל שם טוב איז צוריקגעקומען צו אונז אין חוץ לארץ, און ער האט פארשפרייט די 'דרך החסידות' ביתר שאת (מעין ווי י"ט כסליו אין חב"ד, און ענדליך ווי ס'איז דא אין אסאך חסידישע הויפן וואס מ'פראוועט די יום הצלה פונעם רבי'ן, מ'פרייט זיך סיי אויף די עצם הצלה, און במיוחד אויף די התפשטות החסידות ביתר שאת).

## יסוד הבעל שם טוב בשידוכין

אז מ'שטייט יעצט 'בין הזמנים' וואס ביי אסאך איז יעצט א זמן פון שידוכין, און במיוחד אז 'שביעי של פסח' איז מסוגל אויף שידוכין, 'קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף', לאמיר רעדן א נקודה פון בעל שם טוב בענין שידוכין.

ס'איז באקאנט די ווארט פון 'בעל שם טוב' אז צומאל ווערט דער עושר נתהפך צו א ארימאן כדי א שידוך זאל קענען ווערן, און נאך ענדליכע חסידישע ווערטער וואס איז דא אויף דעם.

די טבע פון א מענטש אז ער איז פארמאכט אין זיין 'צורת החיים', די 'צורת החיים' וואס ער האט זיך אוועקגעשטעלט, יעדער מיט זיין קוק אינעם לעבן, וואס הייסט ביי אים גוט און וואס הייסט ביי אים שלעכט, וואס הייסט ביי אים 'חשוב' און וואס נישט, וועלכע משפחות זענען ביי אים 'חשוב' און וועלכע נישט.

דאס אז א מענטש בויט זיך א 'צורת החיים', דאס איז א גוטע זאך, יעדער דארף זיך אוועקשטעלן און אויפבויען א אייגענע צורת החיים, א אייגענע חשיבות צו זאכן, אזוווי מ'דארף זיך אוועקשטעלן אין אלעס, אין פרנסה און אלעס ארום, אזוי איז אויך אין יחוס און אין די גאנצע 'צורת החיים'. אבער דער בעל שם טוב זאגט אז צומאל וועט דאס דער אייבישטער צו ווארפן, ס'לוינט זיך צומאל די גאנצע פארדרייעניש פון די צורת החיים פון א יוד, כדי אז א 'שידוך' זאל צושטאנד קומען.

די 'צורת החיים' איז גורם אז דער מענטש איז פארמאכט צו טון שידוכים נאר מיט די סארט מענטשן וואס פאסן זיך אריין אין זיין 'צורת החיים', מיט די מענטשן וואס האבן א ענדליכע צורת החיים ווי אים, וואס בעצם איז דאס א גוטע זאך, ווי די חז"ל זאגן אז א תלמיד חכם דארף נעמען א תלמיד חכם, א כהן דארף נעמען א כהנת, און מסתם דארף א עושר נעמען א עושר וכדומה, א שידוך דארף פאסן איינס צום צווייטן, ענבי הגפן בענבי הגפן, נישט נאר די מדובר און די מדוברת, נאאר אויך די משפחות דארפן פאסן.

**א תלמיד חכם דארף נעמען א תלמיד חכם, א כהן דארף נעמען א כהנת, און מסתם דארף א עושר נעמען א עושר וכדומה, א שידוך דארף פאסן איינס צום צווייטן, ענבי הגפן בענבי הגפן**

'יחוס' איז א יסודות'דיגע זאך פון אייביג אָן, ווי די חז"ל רעכענען אויס די דרגות פון די משפחות, בת תלמיד חכם, בת מלמדי תינוקות וכו', אבער דער בעל שם טוב זאגט אז צומאל ווערט דאס אלעס צו ווארפן צוליב א שידוך, צומאל צו ווארפט דער אייבישטער די 'צורת החיים' פון א מענטש, ער זאל זיך דארפן עפענען צו א אנדערע 'צורת החיים', כדי אז א שידוך זאל דורך גיין.

## די אפענקייט פון די עובדי ה'

פון חסידות האט יעדער פארדינט, די דערהויבענע יודן פון אין זייט, און די פשוטע יודן פון די אנדערע זייט. איינע פון די רווחים פון די דערהויבענע יודן איז, וויאזוי זיך מחבר צו זיין מיט די 'המון עם', בטבע ווערט א 'עובד' אביסל פארמאכט, און פון ספר בעל שם טוב קען מען ארויס נעמען עצות וויאזוי מ'קען זיין א 'עובד', און נישט ווערן פארקנאקט.

די מהות פון א 'עובד' איז איינער וואס טיילט זיך אפ פון יעדם איינעם, איינער וואס זיין תכלית און זיין 'גאול' איז דאס, זיך מבדיל זיין וואס מער פון אלע וועלטליכע זאכן, פון מענטשן און פון אלע גשמיות. פון די זייט קען ארויסקומען פון דעם א שטארקע חסרון, אז א 'עובד' קען ווערן שטארק פארמאכט, ווי מ'רופט עס פארקנאקט, ווען ס'קומט צו מצבים וואס ער דארף האבן א קשר מיט אנדערע, פעלט אים די כוחות הנפש צו דעם, ווען ער דארף ארויס גיין טון אין פרנסה וכדומה, האט ער נישט די כוחות.

די מאור עינים אין תולדות רעדן אסאך פון דעם אז ס'איז נישט ריכטיג אינגאנצן, א 'עובד' מוז נישט זיין פארמאכט אינגאנצן, מ'קען זיין א 'עובד' וואס איז אפגעטיילט פון יעדעם, און פון דעסט וועגן קען מען זיין איינס מיט יעדעם, מ'קען זיין פארמאכט אין די אייגענע עבודת ה', און נאך אלץ קען מען זיין מחובר מיט יעדן, ס'איז נישט קיין סתירה. און אפילו מ'דארף טון אין פרנסה, מיינט דאס נישט אז מ'איז אויס 'עובד', מה דאך דער וואס לערנט 'המחליף פרה בחמור', כל שכן דער וואס טוט עס למעשה, אויב מ'טוט עס אויף די ריכטיגע אופן.

## די אפענקייט פון די בעלי בתים

און די זעלבע זאך איז דא אויך פארקערט, די טבע איז אז 'בעלי בתים', ווערן פארמאכט אין זייער וועלט, זיי ווערן פארמאכט און

המשך בעמוד הבא

# ענינים



אפגעטיילט פון די 'עובדים', דאס איז די 'טבע', אויב מ'שטעלט זיך אוועק אביסל אנדערשט, מ'איז זיך מבדיל, מאכט דאס אז מ'זאל ווערן פארמאכט פונעם צווייטן.

און זייער 'עבודה' איז נישט צו זיין פאררהאקט און פארמאכט פון די עובדים, זען די עובדים מיט א פאזיטיווע און אפענע בליק, פארשטיין אז אפילו זיי זענען אנדערשט, זענען זיי פארט איינס, און ווי שטארק זיי דארפן צוקומען צו די עובדים. יעדער דארף זיין אפען צום צווייטן, משפיע זיין און מקבל זיין איינער פונעם צווייטן.

און דאס איז אויך נוגע ווען ס'קומט צו שידוכין, איינער פון די שטארקע דיפרענסן צווישן משפחות ביי שידוכין איז, צו מ'איז תורה עבודה'דיג געשטימט (סוג א'), אדער בעל בתיש געשטומט (סוג ב'), וואס אודאי איז דאס ריכטיג אז יעדער דארף טון א שידוך מיט זיינע, ענבי הגפן בענבי הגפן, ס'דארף זיך צופאסן, אבער פון די אנדערע זייט דארף מען געדענקן די יסוד פון בעל שם טוב אז צומאל צו ווארפט דער אייבישטער די 'צורת החיים' פון א מענטש, אז א שידוך זאל דורך גיין.

ס'איז באקאנט די מעשה פון רשב"י און זיין זון ר' אלעזר, וואס זענען ארויסגעקומען פון די מערה די ערשטע מאל, און זיי האבן 'מקפיד' געווען אויף וואס מ'איז עוסק אין 'עניני עולם הזה', נאכדעם זענען זיי צוריק געגאנגען פאר נאך צוויי יאר, שפעטער זענען זיי ארויסגעקומען און האבן געזען אלעס מיט א פאזיטיווע בליק.

אונז לערנען זיך פון דעם, א 'עובד' שיידט זיך אפ פון די וועלט, ס'איז די חשוב'סטע זאך, אבער צומאל פירט מען פון הימל אז ער זאל זיך דארפן עפענען צום צווייטן, פון הימל האט מען געפירט אז זיי זאלן צוריק גיין אין די מערה און זיך עפענען אין די נקודה, צו זיין אפען צומאל צו די אנדערע יודן. פארשטייט זיך מ'רעדט נישט פון זיי, אונז האבן נישט קיין שום השגה, אונז לערנען זיך נאר אין אונזער וועלט.

און די זעלבע זאך פארקערט, צומאל פירט מען פון הימל אז דער בעל בתישע יוד זאל זיך מוזן עפענען צום עובד, ווען ס'קומט צו שידוכין איז דא די יסוד פון בעל שם טוב, אז גאר גרויסע זאכן קענען זיך דרייען, אלץ נאר אז משפחות זאלן זיך קענען צוזאמקומען, ער זאל זיין גרייט מוותר צו זיין אביסל פון זיין 'צורת החיים', און דער צווייטער פון זיינס.

# פרשה



• **סדר לעריות**

ס'איז דא נאך אסאך אינטערסאנטע ענינים אין די פרשה פון עריות, אבער צוליב די קורצע וואך וועט מען מוזען מקצר זיין, לאמיר נאר צו ענדיגען מיט א שטיקל 'סדר' וואס מ'קען געבן אין די פרשה פון עריות.

די י"ח עריות וואס זענען מחמת קורבה, זענען צוטיילט אויף דריי דרגות, די 'דור' וואס איז העכער די מענטש, די 'דור' פונעם מענטש זעלבסט, און צוויי דורות אונטער דעם מענטש. און ווען ער האט חתונה מיט א פרוי קומען צו די קרובות מחמת אשתו, וואס זיי זענען אויך צוטיילט אויף דריי, די וואס זענען העכער אים, גלייך מיט אים, און אונטער אים, אלעס צוזאמען זענען זיי זעקס קבוצות.

א. העכער דעם מענטש איז דא 'פינעף עריות', אמו, אשת אביו, אחות אביו, אשת אחי אביו, אחות אמו. ב. גלייך מיטן מענטש איז דא צוויי, אחותו, ואשת אחיו. ג. אונטער דעם מענטש איז דא פיר, בתו, כלתו, בת בנו, בת בתו. ד. העכער זיין ווייב איז דא דריי, חמותו, אם חמיו, אם חמותו. ה. גלייך מיט זיין ווייב איז דא איינס, אחות אשתו. ו. אונטער זיין ווייב איז דא דריי, בתה, בת בנה, ובת בתה.

[מענין לענין: אין די זומער טעג איז א זמן וואס מ'איז מער עוסק אין שידוכים (פסח וסוכות הם 'בין הזמנים', וגם להבדיל א"ה ה'סקול יאר' נגמר בתחלת הזומער שזה מקיל לעסוק בשידוכין). פאר א רמז בעלמא קען מען זאגן אז מ'לייענט די פרשיות פון אחרי קדושים אנפאנג זומער, אז די שידוכין זאל זיין אויף די ריכטיגע אופן.

אויך קען מען זאגן א רמז; די זומער פאנגט זיך אן מיט 'שיר השירים', נאכדעם אינמיטן זומער איז 'חמשה עשר באב', וואס די חז"ל זאגן אז ס'איז א זמן עוסק צו זיין אין שידוכין, נאכדעם סוף זומער איז דא 'יום כיפור', וואס שטייט אויך אין חז"ל אז מ'פלעגט טון אין שידוכים].

**• נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה וקריאת התורה •**

**לשמוע שיעורי הרב שליט"א בקול הלשון - 1-646-655-0559**

**אויף אידיש 1,**

**1.** שיעורים מהתקופה האחרונה | **2.** שיעורים | **3.** דיבאטעס | **4.** יום יומי שיעורים | **5.** על הפרשה | **6.** משנה וגמרא | **7.** הלכה | **8.** מוסר וחסידות | **9.** סיפורי צדיקים | **10.** אינטערסאנטע טאפיקס | **11.** שבת | **12.** מועדים | **13.** נשואין | **14.** פארבערענגען | **15.** מדרש | **16.** סלידס (שקופיות) | **17.** מצגות

**אויף נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך.**

**אם ברצונכם לקבל הגליון במייל בכל שבוע, נא לפנות: zum-pintel+subscribe@googlegroups.com**

**או לשלוח בקשה: shalomlangs@gmail.com**

**לנדב הגליון לברכה והצלחה או לפרסם בו, וכן הרוצה להזמין את הרב שליט"א למסור שיעורים בישיבות ובכוללים,**

**נא להתקשר למכון מישרים 845-362-4982, או לשלוח מייל shalomlangs@gmail.com**

עיצוב: י.ב. +972-50-413-8477